יודיקא

# בעוועגט



יודיקא

# נייע יוגנט.

פאַרלאַג ״ל י כ ט„ קאָוונע

1 9 2 3.

נאָכדרוק פֿאַרווערט.

דרוקעריי בר. הורוויטש, קאָוונע.
Br. Gurvičių spaustuvė Kaunas.

Judika

"NAUJOJI JAUNYBĖ"

„Šviesos" (Licht) Leidinys

Kaunas 1923.

פון בוך:
יונגע טעג.

## איך אנטלויף פון דיר, צייט...

איך אַנטלויף פון דיר, צײַט,
אַלץ ווײַטער אין ווײַט!
איך לויף אין אַן אַנדער צייט!
איך ווייס ניט קיין וועגן,
איך פרעג ניט בײַ קיינעם,—
איך וועל זיי אַליין שוין אויסטרעטן.

איך אַנטלויף פון די שטעט
און זוך זיך אויס דערפער,
אין זיי וועל איך לויפנדיק לאַכן
און שמעקן די פעלדער,
וואָס ווייען מיט אָטעמס,
ווי מיידלעך, וואָס הייבן אָן בליען.

און קוקן אויף מיר די פיר זייטן פון וועלט,
פאַרדריי איך דעם קאָפּ און איך לאַך אין דערלופטן
און לויף מיר אויף וועגן פון אַנדערע צײַטן;
וואָס אַרן מיך, וועלכע,—איך וועל זיי אויסטרעטן...
ביז ענטפערן וועט מען מײַן פרייילעכן לאַכן
פון אַלע פיר וועלט זײַטן— עכאָ!

1918

# הײנט.

הײנט װיל איך זינגען, טאַנצן און לאַכן,
הײַנט איז אין האַרצן בײַ מיר אַזוי לײכט!
הײנט האָט די װעלט מיר אַ פרײד אײנגעפּאַטעמט,
אַ פרײד, װאָס זי קומט נאָר אין לעבן אײן מאָל.

הײַנט װיל איך לױפן אין פעלדער און װעלדער
און האַלדזן די בױמער, זיך קײקלען אױף דרערד!
און טאַנצן אַ טאַנץ מיט די שאָף אױף די פעלדער,
און גריסן פון אַלע פיר זײַטן די װעלט.

הײַנט װיל איך רײדן, שװײַגן און ברומען,
הײנט איז מיט קװעקזילבער פול אין מײן לײַב.
איך װאָלט מיך הײנט פוצן מיט פרוכט פון די בױמער
און פרעסן, װי קעלבער, דאָס גראָז פון דרערד.

הײנט װיל איך ליבן, קושן, ניט פרעגן...
הײַנט בין איך הײס װי די טאָגיקע זון.
הײנט האָט די װעלט מיר אַ פרײד אָפּגעגעבן,
די פרײד װעל איך קײנעם ניט זאָגן קײנמאָל!

1981

# אין ווינט.

און פּאַטשן מיך ווינטן אין פּנים דעֶם בּלייכן,
און ווייעֶן מיט פרעֶכקייט מייַן קלייד אין דעֶרלופטן,—
טאָ ווייט נאָר, איר ווינטן! וואָס פרעֶכעֶר אַלץ שעֶנעֶר,
איך דריי זיך אַרום און איך לאַך אייַך אַנטקעֶגן.

זאָל נאָר די וועֶלט זעֶן די פיס מייַנעֶ שיינעֶ,
מיט שפּיצן פון הויזן, מיט בּעֶנדעֶר פון זאָקן,
איך וואָלט זיי אַפילו צום קושן ניט געֶבּן.
ווייט נאָר, איר ווינטן! וואָס פרעֶכעֶר אַלץ בּעֶסעֶר!

און גנבעֶט אַריין זיך דעֶר ווינט דורך מיין בּלוזקעֶ
און קריכט דאָרט אַרום אויף מיין נאַקעֶטעֶר בּרוסט,
טאַנץ איך אַ טאַנץ מיט דעֶם ווינט אויף די גאַסן
און לאָז ווי אַ מיידל פון גאַס זיך אנטבּלויזן.

ווייט נאָר, איר ווינטן! רייסט פון מיר שטיקעֶר!
עֶס דרייט זיך אַ פריילעֶכעֶר טאַנץ פון אַ שיכּור.
וואָס אַרט מיך, וואָס ס'דרייעֶן אַרום מיר זיך
וועֶלטן,
וואָס פרעֶכעֶר אַלץ שעֶנעֶר! ווייט נאָר, איר ווינטן!

1918

## ביים שפּיגל.

בין איך שיין? ער זאָגט עס תּמיד:
ווי אַ צאַרטע ליליען־בלום.
נאָר מיר דאַכט—ער זעט נאָר תּמיד
יענע צאַרטע בלום אין טרוים.

און מיינע אויגן, זאָגט ער תּמיד,
ווי די היאַצינטן בלוי.
נאָר מיר דאַכט—היאַצינטן ליבט ער
און דערפאַר נאָר זעט ער זיי.

און מיינע לאָקן, זאָגט ער תּמיד,
זייַנען ווי די פאַרב פון גאָלד.
נאָר מיר דאַכט—ער טרוימט נאָר תּמיד,
און זיין טרוים איז גאָלד באַמאָלט.

1919

פון בוך:
נייער פרילינג.

# די גייערקע.

איך בין אַ גייערקע באַפּאַקטע!
ברייטע וועגן אין די אָרעמס,
רויט בלוי הימל איבער קאָפּ מיר,
רוישיק וועלט געדריקט צום האַרצן
און פון שטורעם־ווינט באפליגלט
שפרייז איך אום אויף ערדן, וועלטן,
איבער בערג און איבער טאָלן,
איבער ווייט צעגרינטע פעלדער,
אָפּגעוואָרפן אַלע קליידער!

און איך באָד זיך אין אַ ווייסקייט,
וואָס עס גיסט זיך אויס פון אויבן,
זויג זיך אָן מיט הייסע פלאַמען,
רו אין טעג—בעטן אויס זיך,
טאַנץ מיט זומערס, ווינטערס, פרילינגס
אַרום גאָלדנע יאָרן פייער.
כ׳קלײַב די ראָזע פערל טויען,
טרעט אויף ווײַס קרישטאָלנע שופּן
פון די אייביקײַטס מינוטן—
רעכטס די טעג אין ווײַסע קליידער
אויף די קעפּ מיט גאָלדנע זייגערס,
לינקס די נעכט אין טונקלע מאַנטלען
שיטן דימענטענע שטערן.
און איך מעסט אָפּ טעג און נאַכטן
און צאָל זיי יעדערן פאַרן לייכטן.
— — — — — — — — — —

אַ פֿאַרליבּטע בּיז צום שרײַען
בּין איך הײַנט אין דיר, פּרימאָרגן!
און װעל זײַן דײַן אין גאַנצן —
מיט דײַן שײנקײט זיך בּאַקראַנצן.
צי איך קאַרשן־זאַפט פֿון ליפּן,
שלינג איך טרױבּן פֿון די אױגן,
עס אָראַנזשן פֿון די בּאַקן,
טרינק אַ מילך אױס פֿון דײַן אָטעם
כ׳װאָרף זיך צען מאָל אױף דײַן לײַבּ אָן.
דיר מײַן ליבּע, דיר מײַן צאָרן!
דיר מײַן הײס צעװאַקסנע יוגנט,
דיר מײַן צאַרטקײט, דיר מײַן װילדקײט,
אױך פֿאַר דיר הײַנט מײַנע אױגן,
װעלכע ס׳בּלענדן ניט קײן זונען...
קיל מיט פֿרעש איך מײַנע הענט אָפּ,
שיט מיט גראָז איך פֿול דעם קאָפּ אָן,
טו מיר אָן מײַן לײַבּ מיט בּלעטער,
זעץ זיך צו אַ קרעפּס אַ דיקן,
קוק זיך צו זײַן גאַנג אױף הינטן
און איך לאַך מיט גאָרער װײטקײט!

און צװישן נאַכט און מאָרגן,
צװישן טעג און װידער נאַכטן
קום איך צו אַ בּאַרג אַ הױכן.
דאָרטן שטײ איך לענגסטע צײַט שױן,
לעבּן מיר אַ שנײ װײס ציקל

אויף אַ זילבער־דינעם שטריקל,
ביידע קוקן מיר אין וועלטן,
וואָס צו ביידע זייטן ליגן —
קעפּ מיט הענט,
פּיס מיט אויגן,
טאַפּן, גלאָצן, קריכן, בעטן,
יונגע, אַלטע, גרויסע, קליינע,
פלייש און בלוט, הויט און ביינער.
וואַרף פון קאָפּ איך פרישע טרויבן,
כאַפּן אויף עס קאַלטע אויגן,
קאַלטע אויגן, דאַרע פינגערס...
אַיי, איר וועלטן! דרייט זיך איינעט אין אַ ניי געבאָר־
נעם פריילעכס!
וואָס, פארברענט שוין? איז פאַרפאַלן!
וואָס, אַוועק איז? קומט ניט ווידער!
זעט — איך ברענג אייך נייעם פרילינג,
אויפן קאָפּ אַ רויט בלוי הימל,
ברייטע וועגן אין די אָרעמס,
ראָזע פּערלדיקע טויען,
וועלטן פול קרישטאָלינע שופן
פון די אייביקייטס מינוטן,
רעכטס די טעג אין גאָלד מיט ווייסקייט,
לינקס די נעכט אין בלוי באַזילבערט...

איך בין אַ גייערקע באַפּאַקטע,
פול מיט נייע פרילינגס וועלטן!

1920

# אויפוואַכונג.

שטייט דער פרילינג נאָך פאַרשלאָפן,
רײַבט פון שלאָף זיך אויס די אויגן
און בּאַקוקט אַרום די וועלט זיך.
איי, מײַן ליבּע וועלט, נאָר מונטער!
בּין פון שלאָף איך אויפגעשטאַנען;
זאָלסט פאַרגעסן אַל דאָס שלעכטס,
וואָס געטאָן דיך האָט אַ ווינטער,
נאָר געשווינטער!
פאָרט צוזאַמען
הויף מיט געסלעך,
מייד מיט מיידלעך,
קוּ מיט קעלבּלעך,
ציג מיט ציקלעך,
הינט מיט הִינטלעך,
גראָז מיט בּלימלעך,
בּוים מיט בּלעטלעך,
טייך מיט ענטלעך,
האָן מיט הינער,
זון מיט הִימלען,
ערד מיט טויען,—
זייט און אַקערט!
פרישע מענטשן, פרישע נערוּנג,
אויג מיט אויגן,
ליפּ מיט ליפּן,
האַרץ מיט האַרצן,
הענט מיט נאַקנס,

פיס אויף רידל,
גראָבט אין ערד,
ערד מיט פערדלעך,
פערד מיט מענטשן —
מענטש מיט ווייטקייט,
ווייט מיט וועלטן,
וועלט מיט זונען,
זון מיט יוגנט.
איי! אין איינעם!
דרייט זיך איינעט,
וויגט זיך דורך די גאַס אין אָרעמס,
יינגלעך, מיידלעך,
ווייבער, קינדער,
קלייד פאַרהויבן, פרייע אָרעמס,
האָר פאַרפלאָכטן, צעפּ אַרונטער,
ברוינע העלדזער, פאַרביג קראַלן,
רויטע באַקן, בלויע אויגן.
ווער פון אייך קען שטאַרקער לאַכן,
שרייט זיך צו פון אַלע עקן!
שפּילט האַרמאָניע,
טאַנצט אַנטקעגן,
איי! נאָר יוגנט!
זאָלן וואַרפן אָפּ זיך קליידער,
האַלב אין נאַקעט ווייסע לייבער,
און זיך לייגן אונטער בוימער
און זיך בייסן איינס דעם צווייטן,

רויטע ליפּן, פּולע פּלייצעס,
רייסן גראָזן, זיך באַוואַרפן,
פינגערס איינגראָבן אין האָר
און זיך קייקלען אויף די זאַמדן
און זיך קילן אין די טייכן
און פאַרוויקלען זיך אין שטראַלן,
זיך מיט צווייגן קעפּ באַקראַנצן
און אויף ציג זיך כאַפּן רייטן,
זיך צעלויפן אויף די וועגן.

קייקלט זון זיך אויף אין הימל
און פאַרקייקלט זיך אַרונטער...
אָפּגעליבט זיך מיט אַ טאָג שוין,
ווייכע גלידער, לויז צעוואָרפן...
זיצט אַ צייט ביים גאָלדנעם פייער,
שפּינט אַ נייע וועלט אויס,
בינדט מיט אויגן שטראַלן וועלטן.
פּאָכט אַ נאַכט מיט גרינעם מאַנטל,
ליגט אַ גלויבן האַלב פאַריאושט,
ווייס ניט, צו וועמען זאָל ער זיך ווענדן...
איי, דו שוואַרצער,
הויך צעלאַך זיך,
שיט אַ דונער אין די זייטן,
שיק אַ ווינט אָן פון דער ווייטנס,
ראַם פון ערד אָפּ לויזע מיסטן
שיק מתנות צו דעם הימל,
וואַרף עס אויף די קעפּ פון וועלטן!

טראָג אָן בלויע וואַסער־בלאָזן
און צעשטעך אויף קילן רעגן.
דורכגעוואָרימט וועלטן־גלידער,
ליגט אַן ערד און בענקט נאָך ליבע...

און דער פריהלינג אויסגעשלאָפן
טאַנץ מיט אונז אַרום אַ רעדל!

1920.

# מ א י.

כאַפּן טעג זיך אויף, אויף וועלטנס פלייצעס,
און קײַקלען דורך די שעהן,
ווי מיט גאלד באַבלומטע רעדער,
און וועלטן האלטנדיק פאַר גרינע ערדן־קליידער
דרייען זינגענדיק אַרום אייביקייט אַרום.
איי! דו אייביקייט מיט נאַקעט לייב,
מיט פרישן קראַנץ דעם קאָפּ באַזעצט!
עס איז אַ פרילינג היינט
פון רויט און ווייס,
און פול מיט גרינס,
און קלאָר ווי גלאָז,
און העל ווי ליכט, און רויט ווי זון...
ער מאַכט דיך יונג, ער מאַכט דיך שיין
און פירט דיך אום
פון איין זייט ערד ביז צווייטן ענד.
און זון מיט ערד, און ערד מיט לופט,
און מענטש מיט פעלד,
און שטאָט מיט וואַלד,
און ווײַסע שאָף און בונטע קי,
און ברוינע פערד און שוואַרצע הינט,
און טעג מיט וועלט...

— — — — — — — — —

איך בין דער ערשטער מאַי.

1920

## באגינען.

גרויליך... בלויליך... שטילער, שטילער...
פון געהעפטן קרייען הענער.
בלייכע ערדן. בלויע הייזער.
ראָזע דעכער. גרינע בוימער.
וועקט זיך אויף אַ יונג באַגינען,
שפּרייט פונאַנדער גאָלדנע פליגלען,
עפענט אויגן—בלויע הימלען,
און פאַרקוקט זיך אין דער ווייטנס.
ווערט די ווייטנס קלערער... ווייטער...
וואו ניט וואו אַ רוישן שטיל.
לויפט אַ פערד דורך מיט אַ וועגל,
לויפט אַן אויסגערוּעט לויפן.
שטעקט אין הוט אַ צווייגל גרין,
הערט דער פורמאַן אין דער ווייט
הויך אַ קוקוק רופן...
זיצט אַ מיידל ביי אַ וואַנט,
שמעקט פריש ברויט פון איר טישל,
האַלט דעם קאָפּ צום וואַנט פאַרוואָרפן,
אויגן צו, די ליפּן אָפן—
און זי חלומט פון אַ יוגנט...

1920

פון בוך:
צ י י ט ן.

# רוסלאנד.

אַ ווײַטע פעלד פון גרויסע שטאַרקע ערדן,
ברוינע הויט מיט מונטער בלויע אויגן.
איי, פריילעך! זינגט אַנטקעגן,
זינגט געזאַנג, ווי נאָר אויף רוסלאַנדס ערד.
איך פלי אַהער,
און איר אהין,
דער זומער איז שוין אויכעט באַלד אַוועק.
די לעצטע זון, זי קומט נאָך איצט
און הילט אונז איַין אין ווײַסן ליכט.
אַ דאָרף קומט אָן מיט רויט און ווײַסע הײַזלעך פול,
און מענטשן פרישע, הארבסטיקע—
די אויגן זוכן הין און הער אַרום,
די באַקן רויט, די אַרבל ווײַט...
דאָס דאָרף פאַרגייט,
אַ שטעטל קומט,
דאָס שטעטל גייט, אַ שטאָט קומט אָן—
ווי אין טויזנט קעפ אַרײַנגעשטאָכן שפיזן
און אין דער זון ווי שטיקער גאָלדן פײַער.
גאַס און גאַסן ווי איינגעשפאַנטע חיות.
אַהין אַהער אין זומען, ברומען,
גרויע וואַסער, גרינע זומפן.
גאַסן־בעטלערס ציילן מענטשן.
דאָ אַ שיף און דאָרט אַ וואָגן.
איי! פריילעך! האַלט אייביג זיך אין יאָגן!
וואָס איז שטאַרקער ערד צי וואַסער?

װאָס איז שװאַכער מענטש צי לעמער?

. . . . . . . . . . . . . .

בלאַסער הונגער, רויטע װײַנען,
געלע גאָלדן, שװאַרצע לומפּן,
בלאַנקע גאַסן, בלאָטיק הײַזער,
װילד געװײַנען, פרײלעך לאַכן,
װילדער טומל,
ברויט צי שטאַרבן?

. . . . . . . . . . . . . .

קלינגען װאָפן,
שפּיז צו שפּיזן, האַרץ צום האַרצן.
ביקסן קנאַקן, ברומען באָמבעס,
שטיקער הײַזער ליגן אויף גאַסן.
בוימער קרעכצן, שױבן פּלאַצן,
פליען קעפּ און פליען גלידער.
רײַסט מען קלײטן, שלעפּט מען סחורות.
װערן טונקל בלויע הימלען.
בײַטן־טעג אויף נעכט זיך איבער,
װײנען מאַמעס, שרײַען קינדער,
װײס מען מער ניט, מײַנע־דײַנע,
מיר אַ קישן, דעם אַ בענקל,
דיר די שיך און דעם די העמדער.

— — — — — — — — — —

פול אין גאַסן בלאַסער הונגער,
בלאַסער הונגער, רויטע פאָנען.

— — — — — — — — — —

װערט דער טומל שטילער... שטילער...
גאַסן קראַנקע קוקן שטומע,
שלעפּן װעגן זיך פּאַװאָליע,
און איין טויטן נאָכן צװייטן
פירן אויסגעלייגט אויף די װעגן.
זינגען כאָרן טויטע לידער.
לאָזט אַ װאָלקן אויס אַ רעגן,
װי אַן אַלט צעפּלאַצטע מכּה...

— — — — — — — — —

קומט אַ זון אָן פון אַנטקעגן
צו באַגריסן נײַע װעלטן!
נײַע װעלטן אין די גאַסן,
װידער קלינגען פריילעך כאָרן,
און אַ פרילינג פאַלט אַרונטער,
פאַלט און שפּרייט זיך אויף דער ערד אויס,
קײַקלען טעג זיך װי די עפּל,
און יעדער זעטיקט זיך מיט זאַפטן.
בלויע הימלען, גרינע ערדן—
גיט מען שטראַלנדיק די הענט זיך...
ביז עס גרויען איין די הימלען.
און עס גרויען װידער װעלטן.

— — — — — — — — —

און איך שלעפּ זיך שטיל און איינזאַם,
װינטן רייסן נאַכט אַרומעט,
און איך קלייב די שװאַרצע שטיינער,
װאָס זיי ליגן האַלב פאַרצויגן,
װי פאַרבלעמטע גרויע אויגן.

און צו מיר נאָך בלאַסע לעבנס
דרייען איינע זיך אום צווייטן,
ווי אַ רעדל מידע ענטלעך,
טאַטע־מאַמעס, שוועסטער־ברידער —
אַלץ צעוואָרפן אין די וועלטן...
עפן, וועלט, אויף דיינע וועגן!
קומט אַנטקעגן מיר איר פרישקייט
פון די גרויסע, שטאַרקע ערדן,
וואָס זיי ליגן לויז צעריבן
און פאַרפוצן זיך מיט בלימלעך,
ווי געזונטע פויערס מיידלעך.
און איר, גרויסע לייבן־וועלדער,
מיט די גרין באַוואַקסן גלידער,
קוקט מיך אָנעט!
גריס מיך, שטורעם!
כ'שטרעק נאָך ווייטקייט אויס די אָרעמס —
נעם אַרום מיך און פאַרטראָג מיך
ווייטער, ווייטער,
אָן אַן ענד!
בין איך איינע דאָך פון טויזנט
העלף איך זיך, דאַן העלף איך אַלע.
זיינען אַלע אויך מיין אייגנס,
און מיין אייגנס לאָז איך איבער,
שטאַרבנדיק אין בלאַסן הונגער.
וויינען מאַמעס, שרייען קינדער...

— — — — — — —

אײַ, גערשווינטער!
איך מיט אַלע!
כ'וועל זײַ ציִען ווי די פּערל
אויף אַ שנירל,
און מיטן שנירל באַקלײדן
די נײַע און די גרויסע
און די קומענדיקע וועלטן!
איך גײ! איך גײ!

1920

# נ א כ ט.

נעם מיך, ליבסטער, פאַרן קליידל הינטן אָן,
בייג זיך אײַן,
און לאָמיר גיין.
נאָר שטיל... שטיל...
עס ליגט די נאַכט געאָרעמט מיט די וועלטן איצט
און זומט זיי איין אין שלאָף
פון ווײַסע שאָף, פון ערדן גרין,
פון הימל גאָלד,
פון אונז ביידן, ווי מיר האָבן זיך האָלט,
ווי מיר וואַנדערן אום
פון לאַנד צו לאַנד, פון שטוב צו שטוב,
מיט ווײַסע ליכט אין הענט,
מיט טאָרבעס מאַנדלען פול,
מיט קאָרן פּעק באַפּאַקט.

— — — — — — — —

הערסטו, ליבער, ווי אַ קינד וואו וויינט?
און אַ מוטער זינגט עס אײַן:
אַיילעלולע, מײַזעלע,
בײַ וועלטן שטייט אַ הײַזעלע,
אין הײַזעלע גאָלדענע פײַגן,
דאָס ברענגט מען די קינדער, וואָס שווײַגן.
ערד און הימל אײַנגעדעקט אין שווײַגן,
וואַלד און פעלד אין ווײַסע טויען,
גאַס און געסלעך שלאָפן איינס בײַם צווייטן,
הינט און וועכטער איינגעדרייט בײַ הײַזער.

שטילער... שטילער... ליבער...
יעדער טראָט קען שטערן.
עס ליגט אַ מאַן אויף הוילער ערד צעצויגן,
אַ בלייכן פּנים צו געקערט דעם הימל,
ליגט אַ טאָרבע אים צוקאָפּנס
און אַ שטעקן ביי זיין זייט.
לאָמיר אָנשיטן אים זיסע מאַנדלען,
אויסרייסן פון ערד אַ צווייגל,
אָנקלאַפּן דערמיט אין יעדער שייבל
און רופן שטאַרק:
עס קומט אַ גרויסער גאָלדנער מאָרגן!
און מיר וועלן אין גרינס זיך וואו פאַרבאָרגן
און וואַרטן, ביז אין יעדער הויז וועט טאָגן,
און לאַכן זינגענדיק.
וועסט אויפשטיין, וועלט, פון וויגעלע,
וועסט איינקוקן אין שפּיגעלע,
וועסט זען אַ וועלט מיט מאַנדלען,
וואָס מיר זיינען געגאַנגען האַנדלען.
1920

## פרימארגן.

אַן אויסגעשלאָפּענער פרימאָרגן
שטייט פאַר מיר ווי ניי באַשאפן,
מיט די טיפע קלאָרע אויגן
און דעם וואַרים רויטן שמייכל.

לויף אַרום איך הויל און באָרוועס
אויפן הויף אין גראָז דעם פייכטן,
אויסגעשלאָפן פריש און מונטער,
אויסגעלאַסן קעגן מאָרגן.

לויפט דער הונט אַרויס פון ביידל,
שפרינגט מיר אויפן לייב מיט ווילדקייט,
קוקט מיר אָן מיט גוטע אויגן,
לעקט אַרום מיין לייב מיט הייסקייט.

ברענג פון קוואַל איך פרישע וואַסער,
וועק דערמיט אויף אַלע בלומען,
וואָס זיי ליגן נאָך פאַרדרעמלט,
וואַש מיך אויך מיט זיי צוזאַמען.

שטעל איך מיך אונטער די בוימער,
שפריץ מיך פול מיט טוי פון צווייַגן,
און איך ציפּצע מיט די הינער
און איך ברום די קו אין שטאַל אָן.

לויף אַרום איך הויל און באָרוועס
מיט דעם מאָרגן־טוי אין אויגן,
אויסגעשלאָפן פריש און מונטער,
אויסגעלאַסן קעגן מאָרגן.

1918

# יונגעליבע.

און איצטער, ליבער, קום מיט מיר.
איך ווייס ניט, וואו מיר וועלן ביידע גיין,
איינערליי!
עס וויגן וועלטן זיך האַלב טרוים האַלב וואַכנדיק,
ד'אויגן עפ'נענדיק, פאַרמאַכנדיק,
ווי נאָך אַ לאַנגן שווער פאַרוויגטן שלאָף.
צווישן נאַכט און צווישן טאָג
זוכט מען אום אויף יונג באַגרינטער ערד
אַ פרישן בלום, אַ שמעטערלינג,
אַן אויסגעשלאָפענעם פראָש פון טייך.
און קינדערלעך פאַרוויקלטע אין ווינטער־קליידער,
די הענטלעך אין די אַרבעלעך פאַררוקט
זוכן אויף אַ צווייג, אַ שפראָצונג, צי אַ בלעטל נאָר,
ווי פערל קליין.
און געפינען זיי,
רופען איינע זיך דעם צווייטן צו,
דערציילן זיך די פרייד.
ציען שפינוועבס שטראַלן פון די אויגן זיי,
רוקט פון קעפל זיך פאַצייל קעלע אַראָפּ,
צעפאַלן הערעלעך פאַרפּלאָנטערטע ווי שטרוי,
און בעקלעך בלייכינקע פאַררויטלען זיך אַזוי...

— — — — — — — — — — —

איי, ליבער, זאָג, געפעל איך דיר?
טאָ קום מיט מיר!
איך בין נאָך אויך אַ קליינע, קליינע קינד,

מײַן לײַב פּאַרוויקלט מיט אַ פּעל פון קראָקאָדיל,
פון שלאַנגען־הויט אַ גורט אַרומגעדרייט,
פון גליווערים אַ קראַנץ די האָר באַלייגט,
מיט בינען־שנורן אויף מײַן לייב פּאַרזייט.
מיך האָט געבראַכט ניט לאַנג אַ פרילינגס־ווינט
פון ווייטער אייביקײַט,
פון מוטער אייביקײַט,
אַ וועלט צו זיין,
אַ פרילינגס־ערד!
מיט פרילינג איז פאַרשוועסטערט
זונען־ליכט,
הימעל־בלוי,
לבנה־קלאָר,
וואָס אייביק ליגן זיי אין ווײַט און ברייט
און סודען זיך און ליבן זיך,
אַזוי ווי איך מיט דיר.
דו ביסט מײַן ערדן־כוח, דו ביסט מיין ערדן פרײַנט
דו ביסט מײַן אייביק־מאָרגן און איך דיין היינט.
דו רופסט מיך רויטער גליק,
דו רופסט מיך ווייסע פרייד,
דו רופסט מיך פרילינגס־בלום פון אייביקײַט,
מײַן נאָמען קענסטו ניט!

---

און אַזוי איך האָב דיך ליב...
דו ביסט אַ גרויסער, פרישער קוואַל,
און איך אַ דאָרשטיק וואַנדער־קינד,
איך שטרעק די הענט צו טרינקען קעגן דיר—

און שרעק פאַר דיין שטאַרקייט זיך.
נאָר ווייַטער, ליבער, קום מיט מיר!
עס וויגן וועלטן צווישן מאָרגן־ליכט,
דערזעען זיך,
דערקענען זיך,
פאַרשעמען זיך,
און וואַרפן וועלטן אום,
אין בראנד און רויך,
דורך אייזנס שווערד,
דורך בלוט, דורך טויט.
אויף גיך! אויף גיך!
מיר מוזן אַלע זיי אַריבער—
ס׳ווערט קיין וואַסער פריער פריי פון אייז,
איידער ס׳קראכט און ברעכט
און ווערט פון קלאָרן וואַסער וואו פאַרטריבן ווייט.
איי, שטאַרקער, ליבער,
ביסט מיין גרויסע צייט!
און איך, דיין ליבסטע, בין אַן אייביקייט!

1920

## צום ליבן.

איך בין פון ערדן־באַל אַרויסגעשפּראָצט!
מיט ערדן־שענקייט שטיי איך אָנגעטאָן.
איך גיי אין וועלטן אויף אַ גרויסן גאָלדנעם פלאַם
און שפּריץ מיט פונקען גאַנצע וועלטן פול.
מיט ווײַסע פליגלען נעם איך ערד און ים אַרום
און טייל די וועלטן אָן מיט מאָרגנס, טעג און נעכט.
איך לײַכט די ערד אַראָפּ לבנה, שטערן, זון.
איי, ליבער, קוק מיך אָן!
איך בין מיט ליבע פול, ווי פול דאָס אויג אין קאָפּ.
געדענק, אַ גרויסער מוזטו זײַן!
מיט נײַע טעג מוזטו זײַן אָנגעטאָן
און אומפירן אַ גרויסע צײַט ביים האַנט.
און איך וועל דורכן לעבן מיט דיר גיין
פון וועג צו וועג, פון ענד צו ענד...
איך גיי אַקעגן דיר אויף גרינגע, גרויסע ערדן,
אויף פרייע ברייטע וועגן.
עס בויגן קעפּ פאַר מיר די טעג,
עס ליגן נעכט פאַר מיר אויף ערדן.
איי, ליבער קום אַנטקעגן!
איי, הימל, ערד, ווײַט און ברייטן!
אַלע זיינען מיט מיר איינגעדרייט—
איך בין די יאָרן, טעג,—
די אייביקייט אַליין...

1920

# בײַ פֿאַרנאַכטן־וועגן

בײַ דעם וואַסער־ברעג,
וואָס שנײַדט זיך אָפּ פֿון דיר, דו שײנע ערד,
איך פֿאַל אַוועק
און דריק מײַן פּנים צו דײַן ערדן־גוף,
און קוש אַ גרעזעלע פֿון דיר,
דײַן גליקלעך גרין באַפּוץ.
און לאַנגזאַם לאָזט אַ הימל אויס די גאָלדנע ברוסט,
און יעדעס גרעזל וויגט זיך אָן פֿון רײנער גאָלדנער מילך
און דרעמלט אײַן אין דרעמל־שלאָף
אין דײַן, געבענטשטע מוטער, ערדן־שויס.
ביז ווען אַן אָטעם גײט דער פֿרילינג דורך דער נאָז
און וואַרפֿט אַ פֿעדער אויף דעם דרעמלענדיקן גראָז,
וואָס כאַפּט זיך מיט אַן אָטעמל פֿון פֿרישקײַט אויף.
אָ, הימל, ערד!
איך בין דורך אָדערלעך פֿון אײַך אַ ווער
און ניט קײן טרער, וואָס גיסט זיך אויס אין וועלטן קלאָג.

איך בין פֿון זון און ערד,
און טײלן וועלטן זײַנען מײַנע טעג
און טעג זײַנען מײַנע טײלן וועלט.
און הונדערט יאָרן איז אַ טאָג,
און הונדערט טעג איז אַ יאָר.
און איך גײ אום, און איך בין דאָ.

מיט טויזנט נעמען איז מײַן לײַב געבענטשט.
איך בין אַ מענטש און בין אַן אייביקײַט,
איך בין אַ בעטלער־קינד
און בין די קייסערין פון ערד,
מיט נעכט און טעג.
איך לייג מײַן פּנים דאָ צום טײַכן־ברעג,
מיט קייטן שווערע שטיי איך איינגעקייט
און בעט, מײַן מוטער ערד, צו דיר.
איך ווייס ניט, וואָס איך זוך...
נאָר כ׳ווייס: ניט דאָ ז׳מיין זײַן.

1921

## מ י י ן  ז י י ן.

מיין זייַן איז שטיין,
מיין זיין איז טוי,
מײַן זייַן איז רוישיקעֶר פאָנטאַן.
איך שמעֶק מיט פלייש,
איך שמעֶק מיט בלוט —
איך לאַך מיט ווינט.
און וועֶלטן זײַנעֶן מײַנעֶ בלומעֶן בינט,
איך שטעֶק זיי אָן אין גאַרטל פון מײַן קלייד
און זיץ זיך אויף אַ פײַעֶרדיקעֶר לייבן־צײַט.
מיר שפּרינגן אום צווישן הימל, עֶרד,
אין שטעֶט אָנגעֶוואָרפן, ווי די ווילדעֶ פעֶרד,
דרייעֶן אום זיך אין אַ קרייז.

עֶס ליגט אַ עֶרד מיט אַ דיקן גרינעֶם פעֶל,
עֶס העֶנגט א זון ווי אַ גאָלדנער שפּין אין הימלדיק
געֶצעֶלט
און ציט די פייעֶר־דינעֶ פיסלעֶך אין דעֶר ווײַט און
ברייט.
עֶס גייט די אייביקײַט, געֶצאַמט אין טעֶג און נעֶכט,
שוין אַלט געֶבויגן,
די האָר ווי שטיקעֶר גרויעֶר טוי פון דר׳עֶרד,
מיט אויגן ווי די קאַלטעֶ שנייעֶן־בעֶרג,
און סאָפּעֶט דורך די נאָזלעֶכעֶר פון ים...

וואָס זײַט איר, טעֶג? וואָס ביסטו, אייביקײַט?

אין מיטן דרייט זיך מיט דאָס בלאַסע וועלטן-קינד,
מיט העלטלעך בלאַסע אויסגעשטרעקט אין לופט,
און יאָגט זיך נאָך אַ גאָלדנער פליג-מינוט.

1921

# פּ א ר ק י י ט.

אוּן גייערס כאַפּן פאַר מייַן קייטן־בּוּנט,
וואָס גיט אַ קלוּנג
אוּן גיט אַ ריס,
לאָזט אַ שמייכל אויס און גייט אַוועק.
איך בּלייַבּ אַליין...
אוּן ווייַט אַרום מיר ערד,
וואָס טרוימט איר פרילינגדיקן גליק
פוּן אייבּיק־זייַן־געֶליבּט.
נאָר ווען ניט ווען לויפט דוּרך אַ קינד
אוּן וואַרפט זיך אין איר שויס.
עֶס שטייט אַ פעֶרד געבּוּנדן אָן אַ בּוים
אוּן קוּקט זיך קייַעֶנדיק דעֶם וואַסעֶר אָן.
אַ וואַסער־וועלט.
אַ וועלטן־טייַך.
און ווייַטער ליגט אַן אָנגעפּאַקטע ערד
פוּן הייַזער־ווענט,
פוּן ווענט –אַ גאַס, פוּן גאַסן—שטאָט,
פוּן שטעֶט—אַ וועֶלט,
אוּן אָנגעֶבּוימערט, אָנגעגרינט...
איך בּין אַ קינד און בּין פּאַרקייט.
איך האָבּ קייַן קלייד,
איך עס די עֶרד אוּן טרינק דעם ווינט.
איך שטיי בּייַם ים אוּן בּעט אַ טראָפּ,
אוּן האָבּ קייַן וואָרט.

אוּן גייעֶרס שפּילן מיט מייַן קייטן־בּוּנט,
וואָס גיט אַ קלוּנג,
אוּן גיט אַ ריס.
אוּן דאָ בּין איך... אוּן דאָ בּין איך...

1921

